בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת לך לך

**שנת תשפ"ה לפ"ק**

נלקט משיעריו של
**הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף** שליט"א
רב ואב"ד חסידי רוז'ין קרית יואל

הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231

לחורש"י 3.1.1.5.28 - לגמרא 3.2.2.13 - לשו"ע 3.3.6.29

בארץ ישראל 073.321.1792

מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע

אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת לך לך

**מיר** געפונען זיך פרשת לך לך תשפ"ג, לך לך איז בגמטריא הונדערט, לך איז פופציג לך איז נאך פופציג, די גמרא זאגט (חגיגה ט:) אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים למאה פעמים ואחת, קומט דאך אויס אז ק' איז הרגל, איינער וואס לערנט הונדערט מאל איז דאס זיין הרגל, ווייל ס'שטייט אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים למאה פעמים ואחת איז פשט אז מאה פעמים ואחת איז שוין יותר מהרגלו דאס הייסט אז א מענטש דארף לערנען לכתחילה הונדערט מאל, ס'זאגט זיך גרינג אבער דאס ווערט אנגערופן הרגל.

**יעדע** מענטש האט זיך זיינע הרגלות'ן, וואס ער איז צוגעוואוינט דערצו דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, גיי, דו ביסט צוגעוואוינט צו זיין אין חרן, גיי ארויס, א מענטש האט נישט ליב זיך ארויסצוזען פון א געוויסע מצב וואס ער געפינט זיך, ער איז באקוועם אין זיין מצב, דאס איז א הרגל צו זיין אין געוויסע מצב, זאגט דער אויבערשטער פאר יעדע איד לך לך, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, מ'איז צוגעוואוינט צו די ארציות און צו גשמיות, וממולדתך די ביזט צוגעוואוינט צו די הרגלים וואס דו ביסט געבוירן געווארן מיט דעם, די געוויסע טבעיות וואס דער מענטש איז געבוירן מיט דעם און דאס שלעפט די מענטש אויף אראפ.

**מענטשן** ווערן געבוירן מיט פארשידענע מינע טבעיות'ן, איינער ווערט געבוירן א קמצן, שטייט פון הייליגן צאנזער רב זי"ע אז די חידוש פון זיין מדת הצדקה איז געווען אז ער איז געבוירן געווארן א קמצן די טבע ביי אים איז נישט געווען אוועקצוגעבן, און מיט דעם אלעם איז ער אויסגעשטיגן צו זיין פון די עמוד הצדקה, איינע פון די גרויסע חידושים פון צאנזער רב זי"ע

איז געווען זיין גרויסע כח הצדקה, וואס ס'איז געווען עד להפליא, אויף די שטערקסטע פארנעם וואס איז שייך.

**די** הייליגע ר' אלימלך שרייבט אין צעטיל קטן אז בשנת הי"ח איז מסוגל מאוד צוברעכען די טבעיות, אבער על כל פנים דער אויבערשטער זאגט פאר יעדע איד לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך.

**בית** אביך, בית איז א לשון פון קבע, אביך איז א לשון פון רצון, דער אויבערשטער זאגט פאר יעדע איד לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, און ווי וועל איך אנקומען אין עבודת השם אל הארץ אשר אראך, דו זעץ דיך לערנען נעם דיך דאווענען פאר'ן אויבערשטען, דער אויבערשטער וועט דיך שוין ווייזן דו דארפסט דיך פירן ביים אויבערשטען.

**מ'זאגט** ינחני במעגלי צדק למען שמו, א מענטש קומט אסאך מאל צום אויבערשטן, באשעפער איך וויל זיין דאס און איך וויל דאס, ער מאכט שוין פעלענער ממש ביז צו די מאה ועשרים, ער פלאנט זיין שידוך, און ער פלאנט עס זאל זיין שפעטער תורה וגדולה במקום אחד, און ער גייט זאגן פאר'ן אייבערשטען דאס איז מיין פלאן וואס איך וויל מיין לעבן זאל אויסזען, זאגט מען ינחני במעגלי צדק למען שמו, דו דארפסט זיך לאזן פירן ביים אויבערשטען ער פארשטייט אסאך בעסער ווי דיין מצומצמ'דיגע מוח קען פארשטיין, די אויבערשטער קען די גאנצע בריאה אסאך בעסער פון דיר און ער קען אפילו מאכן זאלסט אנקומען צו אסאך א ווייטערע מדריגות וואס דו האסט געטראכט אנצוקומען.

**ער** קען די גאנצע הווה מיט די עתיד מיט די עבר, און ער גייט דיך נעמען צו די ריכטיגע דירעקשן וואס דו קענסט אנקומען און דו קענסט סייווי נישט טוישן די מצב דיין מעניוא וואס דו האסט אויסגערעכנט ווי דו ווילסט אלץ אנקומען קען סייווי נישט טוישן די מצב וואס איז שוין באשערט פון ששת ימי בראשית. אוודאי מ'דארף מתפלל זיין אבער צוזאמען מיט מתפלל זיין דארף מען זיך צושטעלן צו די פלאן וואס איז שוין געמאכט געווארן מששת ימי בראשית.

**און** אפילו א זאך וואס דו האסט נישט באקומען איז שוין באשערט מששת ימי בראשית אז דו וועסט עס באקומען דורך די תפלה וואז דו גייסט מתפלל זיין דערויף, און דו גייסט מתפלל זיין אויף דעם וועסט זיך נישט קענען ארויסדרייען פון א זאך וואס איז שוין אנגעשריבן מששת ימי בראשית.

**די** הייליגע ריזישנער האט געזאגט אמאל, אני ראשון ואני אחרון, אז מ׳דארף צוקומען צום אייבערשטען אָן תפלה וועט עס נישט גיין, אני ראשון דו קענסט גיין גלייך די ערשטע זאך צום אייבערשטען ואני אחרון און דו קענסט גיין צום אייבערשטען די לעצטע פעולה וואס דו טוטס ווען ס׳קוועטשט שוין, אמאל איז געקומען א איד צום ריזשינער און געאגט רבי איך דארף געהאלפן ווערן מיט פרנסה דער הייליגע ריזשינער האט געזאגט איך קען דיך נישט העלפן, איז די איד ארויסגעגאנגען אויף די גאס און געוויינט צום הייליגן באשעפער אפילו די ריזשינער זאגט ער קען מיך נישט העלפען, דו קענסט מיך אבער יא העלפן און ער האט זיך גענומען איינרייסן ביים אייבערשטען זאל אים העלפן, און צום סוף איז ער געהאלפן געווארן. האט אים די ריזשינער געזאגט איך האב דיך געוואלט ווייזן אז דו דארפסט מתפלל זיין פאר׳ן אייבערשטען, ביזט געהאלפן געווארן דורכ׳ן אייבערשטען נישט דורך מיר.

**בכלל** צדיקים האבן געוואלט ווייזן פאר אידישע קינדער שטייט פון צדיקים, אז אזוי האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט אז ס׳זאל זיין צדיקים וואס זאלן פויעלן ישועות, און דורך דעם וועט מען זען אז ס׳איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, ווען נישט די צדיקים אוודאי וואלט מען געדוואנט און געבעטן, אבער מ׳דארף זען אז ס׳איז דא צדיקים וואס קענען פוילען ישועות און רפואות פאר אידישע קינדער.

**דער** הייליגע דברי חיים האט זיך אמאל אויסגעדריקט, באשעפער דו ווייסט די אמת איז נישט איך באווייז די מופתים נאר די מאכסט עס, יעדער איד דארף וויסן אז ער קען פויעלן מיט זיין כח התפלה, און מ׳דארף זיך נאר צושטעלן מ׳דארף מתפלל זיין, מ׳דארף וויסן וואס פארא א כח מען פארמאגט, אונז האבן שוין אמאל געזאגט, ואתא קלילא דלית ביה משישתא שכלליה, א מענטש אמאל מיט אפאר קליינע אותיות וואס ער זאגט ארויס דלית ביה משישתה ער פילט אז ס׳האט נישט קיין ממשות, אבער שכלליה, שכלליה איז א לשון פון בריאה, ער באשאפט א בריאה, ער איז מתפלל צום אייבערשטען ער ווייסט אפילו נישט וויפיל כח ער פאמאגט, תפלה ווענדט זיך אין אמונה, א מענטש דארף עפעס האבן ער דארף האבן פינעף טויזנט דולער זיי מתפלל און טו דיין השתדלות און דער אייבערשטער וועט שוין העלפן, גלייב אז ס׳גייט געשען.

**למשל** איינער דארף באקומען א דעליוועריז זייער וויכטיג און מ׳זאגט אים לויט די טרעפיק וואס איז דא וועט עס אנקומען א שעה

ארום און ער דארף עס האבן שנעלער ווי א שעה ווייל נאך א שעה וועט שוין די חפץ וואס ער דארף באקומען נישט ווערד זיין, דארף האבן מתפלל זיין און וויסן אז דער אייבערשטער קען אויסגראדן די טרעפיק ער קען מאכן ס'זאל אנקומען אסאך שנעלער ווי געראכטן.

**נאך** א דוגמא, איינער דארף האבן א חברותא, ער קען נישט לערנען אליינס, און זיין חברותא איז נישטא היינט, און ער זיצט אזוי אליינס אין בית המדרש און ער זאגט באשפער איך קען נישט אזוי לערנען, זיי מיר מזמין א חברותא, און פלוצלונג קומט אָן א חבר, חברך חברא אית ליה, און ס'וועט געשאפן א שמועס צווישן זיי און צום סוף זענען מחליט לאמיר שוין לערנען אביסל, האסט געדאווענט און געגלייבט אין דיין תפלה האט דיך דער אויבערשטער צוגעשיקט וואס דו דארפסט.

**ס'איז** דא היינט אזויפיל סגולות און מ'גייט אסאך צו קברי צדיקים, אבער די סיבה וואס מ'ווערט געהאלפן איז ווייל דו גלייבסט אז דו וועסט ווערן געהאלפן און מ'הערט פון מענטשן אז זיי זענען געהאלפן געווארן אבער אויב מ'וואלט געגלייבט ביי זיך אינדערהיים אין די תפלה וואלט מען געקענט געהאלפן ווערן פונקט אזוי אין דערהיים ווי ביי די סגולות און ביי די קברים, די עיקר איז אז מ'דארף גלייבן אין די תפלה אז מ'וועט געהאלפן ווערן. אוודאי דער אייבערשטער וויל מ'זאל גיין צו צדיקים אבער אין אזא אופן וואס מ'קען נישט גיין זיי מתפלל.

**ואני** בחסדך בטחתי יגל לבי בישועתך, איך וועל גלייבן אין דער אייבערשטנ'ס חסדים אז איך וועל עס זיכער באקומען, אזוי ווי אינשורענס, לדוגמא א מענשט האט געהאט א שיינע בעיסמענט און ס'איז געווארן דארט א פארפלייצונג ס'איז אריינגעקומען דארט וואסער, און ער האט אינשורענס דאס מיינט אז זיי גייען באצאלן פאר די שאדן און מ'גייט אלעס איבערמאכן און ער גייט האבן צוריק א שיינע בעיסמענט, דאס מיינט בטחון אינעם אייבערשטען, די מצב זעט אויס געפערליך פארלאז דיך אויפן אייבערשטען ער וועט עס פארעכטן ער וועט עס נאך מאכן שענער פון וואס דאס איז געווען.

**בטחון** איז די אותיות נח טוב, רוה דיך גוט אפ, האלט דיך רואיג כאילו די זאך איז שוין מסודר אז דו דארפט עס האבן וועט עס קומען, די הרגל פון א מענטש איז נישט צו גלייבן אין זיינע תפילות, די מענטש פרעגט אבער ס'געשעהט נישט אפשר ווייל די גלייבסט נישט וועגן דעם געשעהט עס נישט.

**א** מענטש איז צוגעוואוינט צו טראכטן אז אלעס פירט זיך בדרך הטבע, ס׳איז נישט דא אזא זאך, ביזט א איד גלייב, גלייב אין די אייבערשטער גלייב אין תפלה און בטחון, האסט געטון השתדלות וויפיל דו האסט געקענט דארפסט האבן בטחון. ס׳קומט א לעכטיגע וואך מ׳דארף זיך שטארקן אין אמונה און בטחון.

**שטייט** כי ידעתיו למען אשר יצוה את ביתו ואת בניו אחריו, שטייט פון בני יששכר אז אידישע קינדער האבן שוין די אמונה און דער דעת, כי ידעתיו, אברהם אבינו איז געווען א חוקר און ער איז צוגעקומען צו אמונה, היינט אידישע קינדער ווייסן שוין אפילו קליינע קינדער ווייסן אז ס׳איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, די יראת שמים וואס קליינע קינדער האבן זיי ווערן שוין געבוירן מיט דעם, כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד, אונז וואלטן געדארפט האבן די טהרה פון די קליינע קינדערלעך, די יראת שמים פון קליינע קינדערלעך, הבן יקיר לי אפרים אם ילך שעשועים.

**מ׳איז** זייער פארנומען זה בכה וזה בכה מ׳האט נישט קיין צייט צו אטעמען אבער מרחשון איז די לשון פון ליפן שאקלען זיך אז די ליפן שאקלען זיך מיינט דאס אז מ׳האט נאך די זעלבע כח ווי גאנץ חודש תשרי, נישט קיין חילוק ווען צו די תקיעות צו די לפני ה׳ תטהרו, צו די נענועים, צו די הקפות, מ׳האט די זעלבע כח אין מרחשוון וואס די ליפן שאקלען זיך ווי שמיני עצרת שאל מה דבעי, און מ׳דארף זען אויסצונוצן דעם חודש מרחשוון דאס איז זעלבע כח וואס מ׳האט אין חודש תשרי.

**שטייט** פון ספרים הקדושים פון רבי פנחס קאריצער אז ביז יעצט איז געווען בראשית נח וואס ס׳איז געווען און יעצט קומען לעכטיגע סדרות די אבות הקדושים, זאל דער אויבערשטער העלפן מ׳זאל גיין אין די דרך פון די אבות הקדושים ומביא גואל לבני בניהם, אמן.